# שמיני ב

א. נאָך דעם ווי די תורה[1] דערציילט וועגן מיתת נדב ואביהוא, שטייט[2] „ויקרא משה אל מישאל ואל אלצפן .. ויאמר אליהם קרבו שאו את אחיכם מאת פני הקודש אל מחוץ למחנה". שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער „שאו את אחיכם וגו'" און איז מפרש: „כאדם האומר לחבירו העבר את המת מלפני הכלה שלא לערבב את השמחה".

פון וואַנעט איז די הוכחה אַז די אמירה „שאו את אחיכם גו'" איז געווען (ניט צוליב זיי מקבר צו זיין[3], נאָר) „שלא לערבב את השמחה"? זאָגן מפרשים[4], אַז ביי רש"י'ן איז שווער די אריכות הלשון „(שאו גו') מאת פני הקודש אל מחוץ למחנה", אויב דער „שאו גו'" איז נאָר צוליב ענין הקבורה, האָט געדאַרפט שטיין „שאו את אחיכם וקברום"? אפילו מ'זאָל זאָגן אַז עס מוז שטיין אַז דער מקום הקבורה מוז זיין „(אל) מחוץ למחנה" — זיינען אָבער די ווערטער „מאת פני הקודש" איבעריק[5].

דערפון לערנט רש"י אַרויס, אַז „מאת פני הקודש" איז די (הויפּט) כוונה פון „שאו את אחיכם", און דער טעם איז — „שלא לערבב את השמחה"[6] (שבמשכן אין יענעם טאָג).

אָבער דער פירוש איז ניט פאַרשטאַנדיק:

א) פאַרוואָס שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער „שאו את אחיכם" (און די ווערטער „מאת פני הקודש" איז ער בלויז מרמז מיט „וגו'") — וויבאַלד אַז די גאַנצע הוכחה איז פון די ווערטער „מאת פני הקודש", האָט ער לכל לראש געדאַרפט מעתיק זיין[7] (אין דעם דיבור המתחיל) די ווערטער[8]?

ב) ועיקר: די הדגשה אין „שאו גו' מאת פני הקודש" איז פאַרשטאַנדיק בפשטות. דער ציווי „שאו גו'" איז ניט געווען בלויז צוליב קבורה. מ'האָט דאָך געדאַרפט אַרויסנעמען די גופים[9] פון נדב ואביהוא בכדי די טומאה[10] זאָל ניט בלייבן אין משכן[11] (און משה האָט עס געמוזט מדגיש זיין, בכדי אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן מיט זריזות, כדי ניט צו

1) פרשתנו י, א ואילך.

2) שם, ד.

3) כפשטות הענין, וכפי' האברבנאל כאן.

4) רא"ם, גו"א, דבק טוב ועוד כאן.

5) ראה רע"ב, באר מים חיים ומשכיל לדוד כאן. ולהעיר ממש"נ בתרומת הדשן (צו ו, ד) „והוציא את הדשן אל מחוץ למחנה גו'". ועד"ז בחטאות הצבור והכהן גדול נאמר (ויקרא ד, יב. שם, כא — נזכרו באברבנאל כאן) „והוציא את (כל) הפר אל מחוץ למחנה".

6) ראה לעיל (ט, כד) „וירא כל העם וירונו", ובפרש"י „כתרגומו" („ושבחו"). וראה תו"כ עה"פ. ועוד.

7) וגם: למה מעתיק רש"י גם התיבות „את אחיכם", שלכאורה אין רש"י מוסיף ביאור בתיבות אלו כלל.

8) ובדפוס א' וב' ורוב כת"י רש"י (שתח"י) נעתק רק „שאו את אחיכם" (בלי „וגו'").

9) ראה רש"י לקמן (פסוק ה) „שלא נשרפו . . אלא נשמתם". וראה בארוכה שם אפרים לפרש"י. ואכ"מ.

10) גם את"ל שעדיין לא נצטוו על טומאת מקדש [עיין רש"י תצוה ל, יו"ד. ויקרא ה, ב־ג. פרשתנו י, יז. נשא ה, ב. וראה צו ז, יט־כא. ואכ"מ] — הרי מובן בפשטות (גם לבן חמש) שאין מקום למת במשכן.

11) בתו"כ פרשתנו (י, ב) פלוגתא אם מתו בפנים או בחוץ. אבל (נוסף לזה שגם להדיעה שמתו בחוץ ה"ז בחצר המשכן, הרי) בפשוטו של מקרא מתו „לפני ה'" במקום שהקריבו ה„אש זרה" ושמשם יצא „אש מלפני ה' ותאכל אותם" (שם, א־ב).

ולהעיר מהשקו"ט דאם מתו בפנים הרי נטמא המשכן וצריך הזאה כו' (רבותינו בעה"ת (דעת זקנים והדר זקנים), פי' הרא"ש וטור הארוך פרשתנו (שם, ב־ה). זית רענן לילק"ש שם. ועוד).

משהה זיין די טומאה אין „פני הקודש"[12]).

בלייבט ווייטער די שאלה, פון וואנעט נעמט רש"י דעם חידוש, אז דער „שאו גו'" איז „שלא לערבב את השמחה"?

ב. אין פירוש רש"י גופא איז ניט פארשטאנדיק: פארוואס דארף רש"י מוסיף זיין דעם משל „כאדם האומר לחבירו העבר את המת מלפני הכלה"; לכאורה איז גענוג ווען רש"י זאגט בקיצור: „שאו את אחיכם וגו' — שלא לערבב את השמחה"?

די שאלה איז נאך שטארקער: דעם זעלבן ענין (אז מ'זאל ניט מערבב זיין די שמחה) זאגט רש"י מיט צוויי פסוקים שפעטער[13] (בנוגע דעם ציווי „ראשיכם אל תפרעו"), און דארטן זאגט ער טאקע בקיצור „אבל אתם אל תערבבו שמחתו של מקום".

דא קען מען אבער זאגן אז ער פאר־לאזט זיך אויף דאס ערשט געזאגטע, אבער עד"ז געפינט מען פריער, אין סוף פ' משפטים[14] (אויפן פסוק „ויראו את אלקי ישראל") איז רש"י מפרש „נסתכלו .. ונתחייבו מיתה אלא שלא רצה הקב"ה לערבב שמחת התורה" — און ברייננגט ניט דעם משל;

הייינט פארוואס דארף רש"י אין אונ־זער פסוק אנקומען צו דעם משל „כאדם האומר לחבירו כו'" — וואס איז דא אין דעם פסוק וואס מ'קען עס ניט פאר־שטיין סיידן דורך דעם משל?

ג. אפילו אז מ'וועט געפינען א הכרח פארוואס רש"י מוז צוגלייכן דעם ענין פון „שאו את אחיכם מאת פני הקודש" צו מעביר את המת מלפני הכלה — איז נאך אלץ ניט פארשטאנ־דיק די אריכות הלשון „כאדם האומר לחבירו[15] העבר כו'", רש"י האט גע־קענט זאגן בקיצור, „כמו שמעבירין את המת מלפני הכלה שלא לערבב את השמחה" (וכיו"ב)?

די שאלה איז נאך גרעסער: דער מקור פון דעם לשון „העבר את המת מלפני הכלה" איז אין מס' כתובות[16], און דארטן שטייט עס (ניט ווי א מאמר העולם — „כאדם האומר לחבירו" — נאר) ווי א דין: „מעבירין את המת מלפני כלה". הייינט פארוואס איז רש"י מוסיף (און דורך דעם עס מחליש אז דאס איז נאר א מנהג) „כאדם האומר לחבירו"?

אין מדרש[17] ווערט געבראכט: „מאת פני הקודש, כאדם שאומר לחבירו העבר המת הזה מאת פני האבל הזה עד מתי אבל זה מצטער" (א צווייטע גירסא[18]: „כאדם .. מלפני אביו עד מתי אביו יראה את בנו מת מלפניו") — און דארטן איז פארשטאנדיק אז דאס איז בלויז א מנהג העולם („כאדם האומר לחבירו"); משא"כ בשמחת כלה — איז דאס א דין.

וואס רש"י ברענגט ניט דעם משל פון מדרש — „כאדם .. העבר המת .. מאת פני האבל .. עד מתי .. מצטער", אז דאס צונעמען דעם מת איז בכדי צו

---

12) ראה — ע"ד ההלכה — עירובין בסופה.

13) פסוק ו.

14) כד, י.

15) ובזה גופא, מוסיף רש"י על „אדם האומר" (כבפרש"י וארא ו, ל) התיבה (ע"ד לשון המדרש שהובא לקמן בפנים) „לחבירו"*.

16) יז, א.

17) ויק"ר פ"כ, ד. וראה פסיקתא דר"כ ופסיקתא רבתי פ' אחרי מות.

18) תנחומא אחרי ג (בסופו).

*) כ"ה בדפוסים שלפנינו. אבל בדפוס א' וב' ורוב כת"י רש"י (שתח"י), וכן בראם, ליתא תיבה זו. וכן ליתא בפסיקתא דר"כ דלקמן הערה 17.

אראָפּנעמען דעם צער פון „אבל זה״ (ועד״ז — „עד מתי אביו יראה כו׳ לפניו״). נאָר ער זאָגט „כאדם האומר .. מלפני הכלה שלא לערבב את השמחה״, אַז דאָס איז בכדי מ׳זאָל ניט צעשטערן די שמחת הכלה (וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן נאָך איידער ס׳איז געווען דער מת)

יש לומר: לויטן מדרש גייט „מאת פני הקודש״ אויף אהרן[19] („מאת פני האבל הזה״); אָבער ע״ד הפשט מיינט „פני הקודש״ דעם משכן, דערפאַר לערנט רש״י אַז דאָס איז „שלא לערבב״ די שמחה וואָס איז פאַרבונדן מיט׳ן משכן;

אָבער עפ״ז איז נאָך שווערער וואָס רש״י איז מחבר די צוויי, אַז דאָס איז בדוגמת מנהג און — שמחת כלה וואָס דאָרט איז עס אַ דין?

ד. אויך דאַרף מען פאַרשטיין: ווי־באַלד אַז אין דעם זעלבן ענין איז רש״י מפרש, כנ״ל, „אל תערבבו שמחתו של מקום״, האָט ער אויך דאָ געדאַרפט לערנען „שאו את אחיכם מאת פני הקודש״ — שלא לערבב שמחתו של מקום. פאַרוואָס לערנט ער דאָ „שלא לערבב את השמחה״ פון דער כלה, וואָס מיינט בפשטות די שמחה פון אידן[20]?

מ׳קען ניט פאַרענטפערן: וויבאַלד אַז „מלא כל הארץ כבודו״[21], וועט דאָך דער אַריבערפירן דעם מת ממקום למקום גאָרניט צוהעלפן אַז די שמחת המקום זאָל ניט צעשטערט ווערן (דער אויבערשטער איז דאָך אויך דאָ „מחוץ למחנה״). מוז דערפאַר רש״י לערנען, אַז דאָס איז שלא לערבב די שמחה פון אידן („כלה״): משא״כ „ראשיכם אל תפרעו״ — אַז מ׳זאָל אינגאַנצן ניט עוסק זיין בעניני אבילות — באַוואָרנט אַז אויך שמחת המקום זאָל ניט נתערבב ווערן.

קען מען אָבער אַזוי ניט לערנען. וואָרום כאָטש אַז „מלא כל הארץ כבודו״, איז אָבער פאַרשטאַנדיק בפשטות, אַז „שמחתו של מקום״ איז פאַרבונדן מיט אָט דעם אָרט וואָס אויף אים זאָגט דער אויבערשטער „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״[22], דאָרט איז השראת השכינה (בגילוי); און דערי־בער דאַרף מען אַרויסנעמען „את אחיכם מאת פני הקודש״ שלא לערבב שמחתו של מקום אין משכן.

ה. דער ביאור בכל זה:

לערנענדיק דעם פסוק, שטעלן זיך גלייך צוויי תמיהות — איינע אין כללות הפסוק, און די צווייטע אין וואָרט „אחיכם״ [און דערפאַר איז רש״י מעתיק פון פסוק די ווערטער „שאו את אחיכם וגו׳״, ווייל אָט די ווערטער — (די כללות האמירה פון „שאו וגו׳״, און דער וואָרט „אחיכם״) — זיינען שווער].

אין כללות הפסוק איז ניט גלאַטיק: פאַרוואָס דאַרף דער פסוק בכלל דער־ציילן און דערצו נאָך מיט אַן אריכות — און אינמיטן דעם סדר פון שמיני למילו־אים — ווי משה האָט אָנגעזאָגט מישאל ואלצפן „קרבו שאו גו׳ אל מחוץ למחנה״ און ווי דערנאָך „ויקרבו וישאום וגו׳״?

---

19) מתנות כהונה לויק״ר שם. וביפה תואר שם מפרש דקאי על הקב״ה (שכביכול גם הוא מתאבל על מות צדיקים).

20) שהרי הקב״ה — ה„חתן״ (ראה רש״י תשא לד, א. וראה תו״כ פרשתנו (עה״פ ויהי ביום השמיני) „על אותה שעה הוא אומר . . ביום חתונתו״). וראה לעיל הערה 6. וצע״ק ממש״נ לאח״ז (פסוק ו) „ואחיכם כל בית ישראל יבכו גו׳״, וברש״י שם „על הכל להתאבל בה״.

21) ישעי׳ ו, ג. ומובן בפשטות גם ל„בן חמש״. וראה פרש״י ואתחנן ה, ז. ולהעיר מאגה״ק סו״ס כה.

22) תרומה כה, ח.

ס׳איז אַ דבר המובן מאליו, אַז מ׳האָט די גופים פון נדב ואביהוא ניט איבער־געלאָזט אין משכן, נאָר מ׳האָט זיי אַרויסגענומען „מאת פני הקודש״. און אויב צוליב מודיע זיין אַז עס דאַרף זיין „אל מחוץ למחנה״ האָבן געדאַרפט שטייען נאָר דער טייל.

ועד״ז איז ניט פאַרשטאַנדיק די הדגשה צו מישאל ואלצפן „(שאו את) אחיכם״ — אַז נדב ואביהוא זיינען זייערע קרובים[23]. וויבאַלד אַז עס שטייט שוין אין דער ערשטער העלפט פון פסוק אַז זיי זיינען „בני עוזיאל דוד אהרן״, ווייס מען שוין אַז זיי זיינען „אחיכם״?

דערפון איז משמע, אַז דוקא ווייל זיי זיינען קרובים, דאַרפן זיי אַרויסטראָגן נדב ואביהוא. איז ניט מובן:

(א) למאי נפק״מ דאָ אין פסוק די הדגשה אַז דער „שאו גו׳״ דאַרף געטאָן ווערן דורך קרובים[24]?

(ב) פאַרוואָס טאַקע דאַרף זיין „שאו״ דוקאָ דורך קרובים[25], דלכאורה — אדרבה: זייענדיק קרובים פון נדב ואבי־הוא, פון שבט לוי, האָבן זיי דאָך אַ שייכות צו עבודת המשכן

(כאָטש אין פסוק איז נאָך ניט דער־מאָנט געוואָרן וועגן עבודת הלויים אין משכן — דאָס שטייט ערשט אין ספר במדבר[26] — האָט אָבער דער „בן חמש״ שוין געלערנט דאָס אין פירוש רש״י[27])

און וויבאַלד אַז די לויים האָבן אַ חלק אין עבודת המשכן, האָט דאָך מער אָרט אַז זיי זאָלן בלייבן (טהורים און) אין משכן בכדי צו באַטייליקן זיך אין שמחת המשכן פון שמיני למילואים, און ישראלים זאָלן אַרויסטראָגן נדב ואבי־הוא „אל מחוץ למחנה״?

נאָך מער: רש״י האָט שוין פריער[28] געשריבן ווי יעקב האָט אָנגעזאָגט אַז לוי זאָל ניט טראָגן זיין ארון „שהוא עתיד לשאת את הארון״. איז מה־דאָך אַז לוי האָט ניט געטראָגן דעם ארון פון זיין אייגענעם פאָטער, דערפאַר וואָס מיט דורות שפּעטער, ביים משכן, איז „הוא — געמיינט זיין שבט — עתיד לשאת את הארון״ — על אחת כו״כ בנדו״ד, וואָס עס רעדט זיך וועגן ניט אַזוינע נאָענטע קרובים[29], און אין אַ צייט פון

23) כפרש״י לך (יג, ח), ויצא (כט, יב. לא, כג).

24) אף שטעם הדבר (שההתעסקות בקבורה כו׳ צ״ל ע״י קרובים) מובן בפשטות (וראה ר״פ אמור. אברבנאל כאן) — מ״מ אי״ז ענין הנוגע כאן (בסיפור ע״ד ח׳ למילואים).

25) אבל אין להקשות, דאם צ״ל ע״י קרובים למה לא צוה לאלעזר ואיתמר (שהיו אחים ממש, ומחוייבים להטמא להם*, כדלקמן ר״פ אמור) להוציא אותם אל מחוץ למחנה — כי מפורש תיכף לאח״ז (פסוק ז) „ומפתח אהל מועד לא תצאו גו׳״ (וכמדובר כמ״פ, שרש״י סומך על הנאמר באותו ענין (ופרשה) (אפילו אח״כ)). וראה גם נחלת יעקב הובא בשפ״ח כאן. ועוד.

26) במדבר א, נ־נג. שם ג, ה ואילך. בהעלותך ח, ה ואילך. קרח יח, א ואילך.

27) ויחי נ, יג. וראה רש״י ויצא כט, לד.

28) ויחי שם.

29) שמחוייבים להטמא להם (ראה ר״פ אמור).

*) כמה מפרשים (מפרשי התו״כ, רבותינו בעה״ת (דעת זקנים והדר זקנים) וטור הארוך כאן. וראה רשב״ם פסוק ו. חזקוני פסוק ז. **ועוד**) כתבו, שמכיון שביום זה נמשחו הי׳ להם דין כהן גדול (וברמב״ן (פסוק ו) שהי׳ להם דין כמו משוח מלחמה) —

אבל **בפשש״מ** אין כה״ג אלא אחד, וכמש״נ (צו ו, טו) „המשיח **תחתיו** מבניו גו׳״. ולכן פרש״י בפשיטות (ריש פרשתנו) „אהרן . . בכהונה גדולה, ותו לא. ובפרש״י ר״פ קרח (טז, ו) „ה׳ אחד . . כה״ג אחד״. (ומה שפרש״י (פקודי מ, לא) „יום שמיני למילואים **הושוו כולם** לכהונה״ — כוונתו רק שזהו לא כלפנ״ז (בז׳ ימה״מ) שמשה לבדו הי׳ כהן (פרש״י תצוה כט, כב. כד). ופשוט). וראה גם רמב״ן הנ״ל (בפי׳ הא׳) דהוראת שעה היתה.

שמחה פון השראת השכינה במשכן, וואָלט אוודאי געפּאַסט אַז זיי זאָלן זיך משתתף זיין אין שמחת המשכן און ניט אַרויסטראָגן די גופים פון נדב ואבי־הוא!

ו. מצד די צוויי שאלות איז רש״י מכריח, אַז (א) דער ענין פון „שאו וגו׳״ איז (ניט נאָר צוליב קבורה, אָדער סתם צוליב אַרויסנעמען די גופים פון משכן — וואָס מ׳פאַרשטייט עס בלאו הכי — נאָר ס׳איז) אַ זאַך וואָס איז נוגע אין דעם ענין פון שמיני למילואים[30], און (ב) דאָס פאָדערט אַז עס זאָל געטאָן ווערן דורך „אחיכם״.

דעריבער איז רש״י מפרש, אַז דער „שאו גו׳״ איז „שלא לערבב את השמחה״ וואָס איז פאַרגעקומען אין משכן בשמיני למילואים (און דערפאַר איז דער פסוק מוסיף „מאת פני הקודש״ — וויבאַלד אַז דער עיקר דאָ איז אַז זיי זאָלן זיך ניט געפינען אין קודש און דערמיט צע־שטערן די שמחה, כנ״ל סעיף א).

און מהאי טעמא גופא מוז עס זיין דורך קרובים דוקא פון שבט לוי, וואָרום דאָס איז פאַרבונדן מיט עבודת המשכן: נאָר דאָס איז ניט אַן עבודה אין דעם אופן פון חיוב (שיר וכיו״ב), נאָר אין דעם אופן פון שלילה — אַרויסצו־נעמען פון משכן זאַכן וואָס זיינען מבלבל צו דער עבודה כדבעי, וע״ד די עבודה פון הרמת והוצאת הדשן אל מחוץ למחנה[31].

קומט אויס, אַז דערמיט האָט מען ניט מבטל געווען די השתתפות פון מישאל ואלצפן אין דער שמחה פון חנוכת המשכן, ווייל מיטן אַרויסטראָגן נדב ואביהוא „מאת פני הקודש״, דערמיט גופא האָבן מישאל ואלצפן אַ חלק אין דער שמחה.

ז. רש״י קען זיך אָבער ניט באַ־נוגענען מיט סתם זאָגן אַז דער „שאו וגו׳״ איז „שלא לערבב את השמחה״, ווייל עס ווערט גלייך שווער: אויב מ׳דאַרף ניט מערבב זיין די שמחה פון חנוכת המשכן, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער מערבב געווען די שמחה און גלייך מעניש געווען נדב ואביהוא (און ניט אָפּגעוואַרט מיטן עונש ביז נאָך שמיני למילואים)[32]?

די שאלה איז נאָך שטאַרקער: רש״י האָט שוין מפרש געווען אין סוף פ׳ משפטים (כנ״ל סעיף ב), אַז נדב ואבי־הוא (והזקנים) „נתחייבו מיתה״, נאָר „לא רצה הקב״ה לערבב שמחת התורה והמתין לנדב ואביהוא עד יום חנוכת המשכן״. קומט אויס, אַז „שמחת התורה״ האָט דער אויבערשטער ניט געוואָלט מערבב זיין, אָבער די שמחה פון „יום חנוכת המשכן״ האָט אים ניט געאַרט צו מערבב זיין דורך מיתת נדב ואביהוא. ובפרט אַז מ׳געפינט באַ די זקנים אַז כדי ניט „לערבב שמחת התורה״ האָט מען אָפּגעלייגט אויף אַ סך אַ לייגערע צייט[33].

היינט ווי קען מען זאָגן, אַז דער טעם פון „שאו וגו׳״ איז „שלא לערבב את

30) ומש״נ בפסוק שלאח״ז „ויקרבו וישאום גו׳״, יש לומר (נוסף לזה שמכיון שהוכרח לומר „שאו גו׳״, צריך לסיים שקיימו ציווי משה) ע״פ פרש״י עה״פ „בכתנתם . . מלמד שלא נשרפו כו׳״, היינו שמפסוק זה למדין אופן מיתת נדב ואביהוא.

31) לעיל ר״פ צו. וראה שם פרש״י ו, ד ד״ה והוציא. וראה פרש״י ד״ה ומלקחי׳ (תרומה כה, לח). פרש״י תצוה ל, ז.

32) להעיר מקרבן אהרן לתו״כ עה״פ (פרשתנו ט, כד) „ותצא אש״ (פי׳ כא).

33) ולהמסקנא מה שלא המתין לנדב ואביהוא כאן — כבר ביאר רש״י לפני זה (פסוק ג) מפני „בקרובי אקדש״.

השמחה", בשעת דער אויבערשטער אליין האט די שמחה מערבב געווען?

**אויף דעם זאגט רש"י, אז ע"ד הפשט, פשוטו של מקרא, איז די אמירה פון משה'ן צו מישאל ואלצפן "שאו וגו'", (ניט א דין, אן אמירה אין וועלכער משה גיט זיי איבער א** ציווי ה', **נאר) "**כאדם האומר לחבירו **העבר את המת מלפני הכלה" — ס'איז אן ענין אין הנהגת בני אדם**[34]**:**

**די טבע האדם איז, אז ביי שמחת כלה טוט מען וואס ס'איז נאר מעגלעך אז די שמחה זאל ניט צעשטערט ווערן; און דערפאר איז מען מעביר א מת מלפני הכלה, ביז אז מ'פירט דעם מת דורך אן** אנדער וועג **בכדי ניט צו אנטרעפן די כלה גייענדיק "לבית חתונתה"**[35]**, און ניט צו** מטריח **זיין אז די כלה זאל גייען דורך אן אנדער וועג.**

**ועד"ז בעניננו: אע"פ אז דער אויבער־שטער האט געבראכט דעם עונש מיתה אויף נדב ואביהוא אינמיטן דער שמחה פון חנוכת המשכן (ד.ה. אז אזוי איז גע־ווען דער רצון ה', אז עס זאל זיין אן ענין פון צער כו' בשמיני למילואים) — האט אבער** משה **געוואלט, אויף וויפל ס'איז מעגלעך**[36]**, אז די שמחה (פון אידן) זאל ניט צעשטערט ווערן, און דערי־בער האט** ער **געזאגט ("כאדם האומר לחבירו") צונעמען די מתים ממקום השמחה ("העבר את המת מלפני הכלה").**

**ח. עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק בפשטות פארוואס רש"י גיט א טעם אויף "שאו גו'" שלא לערבב שמחת** הכלה **(אידן) — ניט ווי "ראשיכם אל תפרעו" וואס איז ווייל "אל תערבבו שמחתו של** מקום**":**

**וויבאלד אז מיתת נדב ואביהוא איז געקומען דורך "ותצא אש** מלפני ה' **ותאכל אותם גו'"**[37]**, אז דער אויבער־שטער האט פארקוקט אויף זיין שמחה כדי צו מעניש זיין זיי במיתה, איז דאך ניט שייך צו זאגן, אז מ'דארף זיי צו־נעמען פון משכן כדי ניט צו מערבב זיין "שמחתו של** מקום**"**

(**נאר ווייל משה האט ניט געוואלט מערבב זיין די שמחה פון** אידן**, האט ער געזאגט "שאו וגו'", "**כאדם **האומר לחבירו העבר את המת מלפני הכלה", כנ"ל ס"ז).**

**משא"כ דער ציווי פון משה לאהרן ובניו "ראשיכם אל תפרעו", וואס (א) איז (ניט "כאדם האומר לחבירו", נאר) א** הלכה **וואס משה האט זיי איבער־געגעבן בשם ה'**[38] **(ווי אלע הלכות פון תורה), און (ב) עס רעדט זיך (ניט וועגן מיתת** נדב ואביהוא, **נאר) ווי** אהרן ובניו **טארן ניט ארויסווייזן קיין אבילות אין משכן —**

דא **איז דער טעם "אל תערבבו שמחתו של מקום": "שמחתו של מקום" (פון חנוכת המשכן) איז דאך פארבונדן מיט דער עבודה פון אהרן ובניו יענעם טאג אין משכן — האט דאך ניט קיין ארט, אז אין דעם זעלבן טאג זאלן** זיי **טאן א פעולה וואס איז בסתירה צו "שמחתו של מקום"**[39]**.**

---

34) **ולכן מדגיש רש"י "(כאדם האומר)** לחבירו" **— שתוכן אמירת משה למישאל ואלצפן הוא כדיבור בין אדם לחבירו.**

35) **פרש"י כתובות שם.**

36) **מה שתלוי בבנ"א. ולהעיר מרש"י לקמן פסוק יב. עקב ט, כ.**

37) **לעיל פסוק ב.**

38) **ראה רמב"ן עה"פ: ויתכן שנצטווה משה בכך מפי הגבורה ואע"פ שלא נכתב או שלמד זה כו'. וראה לקו"ש חי"ג ע' 72 ובהערות שם, וש"נ.**

39) **ראה רא"ם עה"פ.**

ט. נאָך אַן ענין וואָס מ'נעמט אַרויס פון דעם משל „כאדם האומר לחבירו העבר את המת מלפני הכלה":

פונקט ווי אין משל, איז מען דאָך ניט מבטל די אבילות, מ'פירט נאָר אַוועק דעם מת פון דעם מקום (הכלה ו)השמחה — עד"ז בעניננו, אַז די אנינות פון אהרן ובניו איז ניט בטל געוואָרן, ס'איז נאָר וואָס די אבילות האָט ניט גע־טאָרט אַנגעזעצן ווערן אין מקום השמחה.

ועפ"ז וועט ווערן פאַרשטאַנדיק אַן ענין תמוה ביותר אין אונזער סדרה:

בשעת משה האָט געהערט אַז מ'האָט פאַרברענט דעם „שעיר החטאת (של ר"ח)"[40] — און אהרן ובניו האָבן עס ניט געגעסן ווי די אַנדערע צוויי חטאות — שטייט[41]: „ויקצוף .. לאמר מדוע לא אכלתם את החטאת גו'". אָבער ווען אהרן האָט אים געענטפערט „הן היום הקריבו את חטאתם גו' לפני ה' ותקראנה אותי כאלה ואכלתי גו' הייטב בעיני ה'", איז — „וישמע משה וייטב בעיניו".

וואָס איז געווען אהרן'ס סברא צו מחלק זיין צווישן די חטאות? איז רש"י[42] מפרש, אַז ער האָט גע'טענה'ט: „אם שמעת בקדשי שעה אין לך להקל בקדשי דורות".

איז תמוה ביותר: אַט דער ענין, אַז עס איז דאָ אַ חילוק צווישן קדשי שעה און קדשי דורות, איז אַ סברא פשוטה — ווי קומט עס, אַז אהרן האָט עס ערשט אויפגעטאָן ווי אַ חידוש צו משה'ן? און נאָכמער: ביי משה'ן איז געווען אַזוי פשוט אַז ס'איז ניטאָ קיין חילוק צווישן קדשי שעה און קדשי דורות, ביז אַז ווען ער האָט דערהערט „והנה שורף", איז גלייך[43] „ויקצוף"[44].

ולאידך גיסא: וויבאַלד אַז ביי משה'ן איז געווען אַזאַ פשיטות אַז קדשי שעה וקדשי דורות זיינען גלייך — ווי קען דאָס זיין, אַז מיט בלויז זאָגן „אם שמעת בקדשי שעה אין לך להקל בקדשי דורות"[45] האָט אהרן באַווירקט משה'ן און „וישמע משה (און גלייך) וייטב בעיניו"?

יו"ד. איז דער ביאור אין דעם: משה האָט געהאַלטן, אַז דער טעם פאַרוואָס אהרן ובניו האָבן געמעגט עסן די מנחה כו' באנינות[46], איז (ע"ד ווי דער ציווי „ראשיכם אל תפרעו"—) בכדי ניט צו מערבב זיין שמחתו של מקום, וואָס אין דעם איז דאָך ניטאָ קיין חילוק צי עס האַנדלט זיך וועגן קדשי שעה אָדער קדשי דורות; און דערפאַר האָט דאָס אַרויסגערופן ביי משה'ן „ויקצוף" — ווייל דורך שריפת החטאת האָט מען (לדעת משה) מערבב געווען שמחתו של מקום.

אויף דעם האָט אהרן געענטפערט „הן .. הקריבו את חטאתם .. לפני ה' .. ואכלתי חטאת היום הייטב גו'", וואָס

40) לקמן פסוק טז וברש"י.

41) שם, ואילך.

42) שם, יט. וראה פרש"י שם, טז. — וראה לקו"ש חכ"ז ע' 66 ואילך.

43) שמזה מובן שאא"פ לתרץ שמשה השווה זה לפסח מצרים ופסח דורות שבכו"כ דינים שווים הם (ראה פרש"י בא יב, יד. שם, יז. ועוד), ועד"ז בכמה דינים (וראה לקמן ע' 110 ואילך — ס"ד וס"ו) — כי מכיון שפשוט שיש סברא לחלק ביניהם לא הי' משה מתקצף עליהם בשביל שטעו ע"י סברא.

44) היפך הנהגת משה כלפי בנ"י שסבל תלונות בנ"י כו"כ פעמים ולא קצף עליהם. ולהעיר, שמזה שרק בפ' מטות (לא, כא) פרש"י „בא לכלל כעס בא לכלל טעות", מוכח, שבפרשתנו אין הכרח שהי' כעס המביא לידי טעות. וראה לקמן שם.

45) ובפרט שלא אמר אהרן דבר בודאות, אלא רק שאין הכרח („אם שמעת . . אין לך להקל") שדין קדשי שעה ודין קדשי דורות שוה.

46) שם, יב וברש"י.

דערמיט האָט ער מדגיש געווען, אַז דוקא די הקרבה איז „לפני ה'" (ממש), אָבער ניט די אכילת החטאת (עס מוז טאַקע זיין „במקום קדוש .. תוך הקל־עים"[47], אָבער ניט „לפני ה'", ניט לעבן דעם מזבח[48]).

„שמחתו של מקום" איז געווען (בעיקר) לעבן דעם מזבח, דאָרט וואו ס'איז געווען „ותצא[49] אש מלפני ה' גו'"[50] (וויל אַז דערפאַר האָט זיך די שמחה פון חנוכת המשכן אויסגעדריקט אין דעם ריבוי קרבנות על המזבח); און וויבאַלד אַז די אנינות איז ניט בטל געוואָרן, ס'איז נאָר וואָס מען טאָר ניט אַרויסווייזן קיין אבילות במקום השמחה („העבר .. מלפני הכלה") — האָט אהרן גע'טענה'ט, אַז דאָס וואָס מ'האָט אים אָנגעזאָגט „אל תערבבו שמחתו של מקום" איז עס נאָר לגבי די עבודות וואָס ווערן געטאָן לפני ה', לעבן דעם מזבח, אָבער ניט בנוגע אכילת קדשים וואָס איז נאָר תוך הקלעים.

אַי וואָס די מנחה (און די אַנדערע צוויי חטאות) האָט מען געמעגט עסן באנינות — איז עס ניט כדי שלא לערבב שמחתו של מקום, נאָר ס'איז סתם אַ הוראת שעה; ובמילא — „אם שמעת (די הוראת שעה) בקדשי שעה אין לך להקל בקדשי דורות".

47) לשון רש"י שם, יד (לענין מנחה). וראה שם, יז וברש"י.

48) להעיר מזבחים (סג, א. וש"נ) „הקיפו עכו"ם כו' נכנסים (להיכל) ואוכלים שם קדשי קדשים". אבל מובן שלכתחילה אין אוכלים בהיכל. וראה (הקס"ד) בגמ' שם: דאין אדם אוכל במקום רבו.

49) פרשתנו ט, כד. — וזה פעל גם שמחת בנ"י „וירונו" (ראה לעיל הערה 6).

50) ראה גם קרבן אהרן לתו"כ שהובא לעיל הערה 20.

יא. איינע פון די פילע הוראות וואָס מ'קען אַרויסנעמען פון דעם פירש"י:

עס איז ידוע וואָס דער רמב"ם[51] שרייבט, אַז יעדער איינער קען זיין בדוגמא צו שבט לוי, דורך דעם וואָס „נדבה רוחו .. להבדל לעמוד לפני ה' לשרתו ולעובדו .. ופרק מעל צווארו עול החשבונות הרבים כו'".

קען דאָך איינער מיינען, וויבאַלד אַז ער האַלט שוין ביי דער דרגא פון אַ „לוי", און נאָכמער „נתקדש קדש קדשים ויהי' ה' חלקו ונחלתו"[52], דאַרף ער זיך פאַרנעמען בלויז מיט ענינים פון טוב וקדושה; און בשעת עס קומט צו אַן ענין פון „לאפרושי מאיסורא", טענה'ט ער, אַז ער האָט ניט קיין שייכות צו זאַכן וואָס זיינען ניט „קדש" — דאָס געהערט צו „ישראלים" וואָס פאַרנעמען זיך מיט „חשבונות הרבים".

אויף דעם איז די הוראה, אַז אדרבה: וויבאַלד אַז „העבר את המת מלפני הכלה" איז נוגע אין דער שמחת המשכן, איז דאָס אַן ענין אין עבודת המשכן וואָס דאַרף געטאָן ווערן דורך „אחיכם" (לוים) דוקא;

און עד"ז אין עבודת כל אחד ואחד צו מאַכן די וועלט אַ משכן ו„דירה לו ית'": וויבאַלד אַז די וועלט קען ניט ווערן אַ דירה צום אויבערשטן סיידן מען רייניקט זי אָפּ „שלא יהי' שום לכלוך וטינוף ח"ו"[53], איז אויך די עבודה אַ חלק פון די עשיית הדירה (עבודת המשכן) צו וועלכער עס פאַדערט זיך אַ לוי[54],

51) הל' שמיטה ויובל בסופן.

52) לשון הרמב"ם שם.

53) לקו"ת בלק ע, ג. ובכ"מ.

54) להעיר ממה שנתבאר (לקו"ש חלק י"ט ע' 319) שבערכם זה לזה — כהנים הוא מצב (עבודה) של אתהפכא, ולוים — אתכפיא (שלכן

איינער וואָס „נדבה רוחו .. להבדל לעמוד לפני ה׳ לשרתו״.

און דורך דעם וואָס מען „רייניקט״ אָפּ די וועלט (דורך סור מרע, מל״ת), און מ׳איז דאַרט מסדר ומתקן „כלים נאים״ (דורך ועשה טוב, מ״ע) — ווערט עס אַ פּאַסיקע דירה פאַרן מלך מלכי המלכים הקב״ה, וואָס דאָס וועט זיין בגילוי לעתיד לבא[55], בביאת משיח צדקנו, בקרוב ממש.

(משיחות ש״פ שמיני תשל״ו, מוצש״ק פ׳ שמיני תשל״ט)

גם כפשוטו, כהן מובדל מטומאה — אסור לטמא א״ע (ר״פ אמור) ולצאת לחו״ל (רמב״ם הל׳ אבל פ״ג הי״ג. טושו״ע יו״ד סו״ס שסט), משא״כ לוי).

55) ראה בכ״ז לקו״ת שם.

# שמיני ג

א. אין פסוק[1] „וישמע משה וייטב בעיניו" איז רש"י מעתיק פון פסוק די ווערטער „וייטב בעיניו" און איז מפרש „הודה ולא בוש לומר לא שמעתי".

לערנען מפרשים[2] דעם פירוש אין רש"י, אז וועז משה וואלט געווען „בוש" וואלט ער געזאגט „לא שמעתי" (און דער פירוש פון „ולא בוש לומר לא שמעתי" איז ווי ס'וואלט שטיין ולא אמר, מצד שהי' בוש, לא שמעתי), ווי־באלד אבער אז „לא בוש" האט ער ניט געזאגט „לא שמעתי", נאר „הודה" און געזאגט „שמעתי ושכחתי", ווי די גמרא איז מפרש[3].

עס איז אבער (ע"ד הפשט בפרש"י) אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: ס'איז ידוע אז רש"י האט געשריבן זיין פירוש אין א קלארן און אפענעם סגנון, אז אויך א בן חמש למקרא זאל קענען פארשטיין. איז אויב רש"י וואלט געמיינט אז משה האט מודה געווען און געזאגט „שמעתי ושכחתי" וואלט דאך רש"י ניט פאר־פעלט צו זאגן דעם עיקר — די ווערטער וואס משה האט געזאגט (ובמכש"כ פון דעם וואס די גמרא דארף עס מפרש זיין);

אויך איז פשוט, אז מען קען ניט זאגן אז רש"י פארלאזט זיך אויף דעם וואס אין גמרא שטייט „שמעתי ושכחתי", ווארום, כמדובר כמה פעמים איז רש"י מפרש דעם פשט הכתובים (על אתר), און איז זיך ניט סומך אויף דעם וואס איז מפורש במ"א; און בפרט בנדו"ד וואס רש"י צייכנט אפילו ניט אן אז דער מקור פון זיין פירוש איז אין גמרא.

לויט דעם אלעם איז משמע להיפך, אז רש"י (פשוטו של מקרא) לערנט דא ניט ווי (לימוד המקרא ע"ד ההלכה, הלימוד) אין גמרא; ובפרט אז דער ענין איז דא אויך אין תו"כ, און דארט[4] איז דער לשון ניט ווי אין גמרא, און רש"י קלייבט אויס דעם לשון פון תו"כ[5].

ב. אויך דארף מען פארשטיין: א) וואס איז דא בכלל שווער אין פסוק וואס רש"י דארף באווארענען (מיט'ן פירוש אז הודה ולא בוש כו') ? דער פסוק איז לכאורה פארשטאנדיק בפשטות: „וישמע משה" — לאחרי ווי משה האט געהערט טענת אהרן איז — „וייטב בעיניו";

ב) פון וואנען איז דער הכרח אין פשש"מ אז „הודה ולא בוש לומר לא שמעתי" ?

ס'זיינען דא מפרשים[6] וואס לערנען, אז דער הכרח אויף רש"י'ס פירוש איז פון דעם לשון הכתוב „וישמע משה", וואס לכאורה איז דאס איבעריק (ווארום געוויס האט ער געהערט וואס אהרן האט אים געזאגט) און עס האט בלויז געדארפט שטיין „וייטב בעיני משה".

פון דעם וואס דער פסוק זאגט (פאר דעם) „וישמע משה" איז רש"י מדייק, אז דאס מיינט אז דאס וואס אהרן האט געזאגט האט שוין משה פריער געהערט

1) פרשתנו י, כ.

2) רא"ם, גו"א, דברי דוד (להט"ז), ש"ח, ועוד.

3) זבחים קא, א־ב.

4) אלא ששם איתא הודה מיד ולא בוש כו'.

5) וצ"ל שמפרשי רש"י הנ"ל יפרשו כפירושם גם בתו"כ, ראה קרבן אהרן שם. ועוד.

6) ראה דברי דוד כאן. באר יצחק.